ז. סעגאלאָוויטש.

# די וואַנט.

דראַמאַטישער עטיוד.

פערלאַג א. גיטלין, וואַרשע

געזעצט בײַ ב. ליבעסקינד, פּעטריקאָוו.

DRUK.J.WAGMEISTER.NALEWKI №7

אויסגעפֿירט צום ערשטען מאל אין ווילנע
אויף דער ערעפֿנונג פֿון דער טעאטער־
געזעלשאפֿט,

געווידמעט ל. ש.

# די וואנט.

דראמאטישער עטיוד.

## ערשטער פראגמענט.

דער שומר פון געטאָ:

יוד, וואוהין? דער זייגער קלאפט שוין אכט,
און דיר איז בלויז ביז נאכט
ערלויבט צו זיין אין שטאָט.

דן:

כ'האָב פארגעסן דעם פארבאָט,
כ'בין געגאנגען שטום־פארטרוימט
און נישט געטראכט,
דער וועג זאָל זיין פארצוימט.

דער שומר: מיט שפאס

וואָס טוט דיר באנג?
וואָס האָסטו דאָרט אין שטאָט פארזאמט?

דן: צו זיך

מיין יונגענד ווערט דאָ גיך פארסמט,
די וואנט זי מאכט מיך קראנק...

דער שומר:

צו ווילסטו קויפען וואָס, פארקויפען?
דיין מסחר וועט ביז מאָרגען נישט אנטלויפען.
און אפשר... זאָג מיר אויס דעם סוד,

אפשר האסטו דארט אין שטאט
אַ כלה, אַ פרינצעסין...
און קאַנסט זי נישט פאַרגעסן.
דאַן נעם אַ האַרפע, יוד!
און שפּיל אַ ליבעס־ליד...
אַך, יענע וועט פון ווייטען דיך דערהערען...
און איך... איך וועל דיר גאַרנים שטערען. לאַכט.

**ד ן : אוועקגייענדיג**

ער שפּאַסט און איז פאַר זיך געשעכט;
די קראַפט — זי גיט אים רעכט...
נאָר דו, מיין יונגעס האַרץ, זיי שטאַרק,
זיי רוהיג ווידער!...
אַט קומען זיי פון מאַרק,
די הענדלערס — מיינע ברידער.
פאַרקלעמט, פאַרזאָרגט,
מיט פעקלעך אַלט־וואַרג אויף די הענט:
דער האָט פאַרבאָרגט,
און יענער באָרגט,
און אַלע חשבונען פראַצענט...
אַט איילען זיי אַהיים, אַהיים,
ווי אַ טשערעדע געטריבען...
וואָס איז פאַר זיי פון טאָג
פון ליכטיגען געבליבען,
און וואָס זאָגט זיי צו די נאַכט —
דער שוואַרצער תהום?...

**ערשטער יוד:**

דן, וואָס טיסטו דאָ
אין דער תפילה־שעה?

**צווייטער יוד:**

ביסט פריי פון פרי ביז נאַכט
און דאַווענסט ווייניגער פאַר אונז,
פון זאָרג געבויגענע...

**ד ן:**

איך האָב זאָרגען אייגענע,
פיל מעהר אפשר פאַר אייך...

ערשטער יוד:

דן, זינדיג נישט, דײַן הײם איז רײַך,
דײַן טאַטענס הויז איז אומעטום באַוואוסט
און אומעטום געשעצט... ווי פוסט
די ווערטער דײַנע זײַנען
און ווי אומגערעכט...

דן:

אַ רײַכער קנעכט איז אויך אַ קנעכט,

צווייטער יוד:

וואָס הערען מיר די פוסטע רייד!
קומט מעריב דאַווענען, יידען! צו דנ׳ס
און דו קום אויך און זײַ צופרידען!
וואָס דיר איז פרעמד די נוים...
קומט תפילה־טון, די צײַט פאַרגייט...

דן:

מײַן תפילה לעבט אין מיר, איך טראָג עס מיט,
עס ברענט מײַן תפילה מיך און גליט
בײַ יעדען קרעכץ פון אײַער ברוסט,
בײַ יעדער גזירה, וואָס איר מוזט
פאַרטראָגען אין דעם לאַנד,
בײַ יעדער נײַער שאַנד,
וואָס פאַלט אויף אונזער פאָלק,
נאָר ווײַט זײַנען די הימלען, ווײַט:
עס קומט קײַן הילף פון אויבען...
און אפשר נעענטערט זיך די צײַט,
ווען מיר דאַרפען שטאַרקער גלויבען
און קנאַפער תפילה־טון...

ערשטער יוד:

וואָס רעדסטו, דן

דן:

דער נס איז גרויס. דאָס פאָלק—עס גייט נישט
אונטער,
נאָר וואו איז אײַער פרייד? און ווער פון אײַך איז
מונטער?

דער נס איז גרויס און ציט זיך אָן א סוף,
מיר ראַנגלען זיך בײַם תלין אין די הענט
און בלײַבען גאַנץ אין... שקלאַפערײַ.
און שווער ווערט אונז דער נס ווי בלײַ...

**צווייטער ייד:**

אין בית־המדרש קום!

**דן:**

אַך, נאָט איז שטום צו דורות אַזוי פיל,
נאָט וויל מער נישט
איר זאָלט אויף אים זיך אַלײן פאַרלאָזען.

**ערשטער ייד:** שוועקנייענדיג

ביסט זינדיג און צולאָזען,

**צווייטער ייד:** שוועקנייענדיג

ביסט א שאַנר פאַר אונז
און פאַר דײַן טאַטענס נאָמען.

**דן:**

און פאַר מײַן טאַטענס נאָמען..:.
מײַן טאַטע איז קלוג און רײַכער
פאַר דער גאַנצער עדה
און דאָך איך בין זיך מודה:
פאַר יעדען פירשטעל בייגט ער אײַן דעם רוקען,
און יעדעס מאָל, וואָס מײַנע אויגען
זעען צו זײַן קנעכטיש בוקען,
פאַרשילט איך דעמאָלט מײַן געבוירען...
איך פיל זיך דאַן
נאָך מער פאַר אײַך געבויגען.

**יהודית:** קומט לאַנגזאַם אָן

וועמעס שאָטען שפּרײַזט דאָרט פון דערווײַטען?
באַקאַנטע טריט...

**דן:**

וועמעס שטימע רופט מיך פון דערווײַטען?
ווי א ליד?

**יהודית:** נעהוטער

קן, מײַן חתן און מײַן פרײַנד!

**דן:**

ווי קומסטו, יהודית, הײַנט?
ווי קומסטו, יהודית, אַזוי שפעט
אַהער? דערצייל מיר, רעד!

**יהודית:**

די מאַמע שלאָפט, דער טאַטע זיצט בײַ דער גמרא,
און אין פענסטער קוקט אַרײַן די נאַכט די קלאָרע...
די מאַמע שלאָפט און יהודית קאָן נישט שלאָפען—
זאָל גאָט אין הימעל מיך דערפאַר נישט שטראָפען
עס זיפצט מײַן האַרץ צוזאַמען מיט דער נאַכט.
איך האָב געטראַכט:
איך מוז דיך זען—
און עס איז געשען...
איך האָב געבענקט ווי טויזענד כלות...
נעם אַרום דײַן טרייע כלה,
דן, מײַן חבר און מײַן חתן.

**דן:**

און דו האָסט זיך באַשלאָסען,
מיך בײַנאַכט צו זוכען?
מען וועט דערפאַר דיך פלוכען.

**יהודית:**

אַך, זאָל דיך נישט פאַרדריסען!
קיינער וועט נישט וויסען,
קיינער זעט נישט אונזערע געשטאַלטען...

**דן:**

וואו זאָל איך זיך באַהאַלטען
מיט מײַן גליק?
נישטאָ קיין וואַלד אין אונזער הייס
קיין לאָנקע נישט, קיין בוים,
נישטאָ קיין טײַך, וואָס טראָגט אַוועק
אַ שיפעלע געלאַסען...
נאָר שטומע הײַזער און קרומע גאַסען

מיט א גרויסער וואנט ארום,
מיט קנעכט, וואס ליידען שטום
און ציטערען פון שרעק...

**יהודית:**

פארגעס אויף היינט דעם שווערען וועג,
די בייזע בילדער.

**דן:**

דיין בליק, דיין נאהנטקייט מאכט מיך מילדער,
די בייזע גערעכט;
יהודית, אין אזעלכע נעכט
דארף קיינגען דאס הארץ!

**יהודית:**

און הער זיך איין:
פאר צווי געליבטע וועט נאך זיין
א ווינקעלע... עס וועט נאך זיין:
נישט אומעטום באוואכט די נאכט א שומר,
פאראן אויף יענער זייט א טייך און בוימער,
קום גנבענען פארווערטע לופט
און בלומען-דופט
און שיינע טרוימען.

**דן:**

נישטא קיין צוימען
אין אזעלכע נעכט,
די בייזע גערעכט! *פארשווינדען ביידע*

**בנימין:** *קומט אן*

וואו קאן ער זיין, מיין ברודער, דן?

**אסתר:** *קומט אן*

וואו וואנדערט ער, מיין ברודער, דן?

**בנימין:**

ווען ער וואלט ווייסען אונזער בשורה,
דאן וואלט ער אונז א גאנצע נאכט
געזוכט...

**אסתר:**

ווי עלענד שטום דאָ איז ביינאַכט,
ווי אומעדיג די הענגער קריידהען...

**בנימין:**

דן וועט זיך פרייהען,
דן וועט זיך פרייהען...
שאַ... עמעץ גייט...

**אסתר:**

יאָ, עמעץ גייט...

**דן:** קומט מיט יהודית׳ן

דאָרט הער איך טריט און ווערטער.

**יהודית:** קושט דנען

זיי געזונד, באַשערטער. פאַרשווינדט.

**דן:** שרייט נאָך

זיי געזונט, געטרייע! צו בנימינען.
וואָס טוסטו דאָ? צו אסתרן.
און דו אין אזא שפּעטער שעה...

**אסתר:**

מיר זיינען פרייע.

**דן:**

וואָס איז געשען? ערקלערט געניער!

**בנימין:**

נישטאָ, מיין ברודער, מער קיין טרויער,
נישט קיין וואַנט פאַר מיר, פאַר דיר...
מיר פאַרברייגגען דאָ אין איינגען מויער
די לעצטע נאַכט, דאָס לעצט שפּאַציר...
דו האָסט פיל מאָל געביינקט אזוי,
געוואָלט אהין אין שטאָט... נו גיי!
ביי טאָג, ביי נאַכט, אין יעדער צייט,
אין וואו דו ווילסט און ווען דו ווילסט...

**דן:**

איך ווייס נאָך אַלץ נישט דעם באַדייט
פון אייער פרייד... אָ, זאָגט שוין אויס!

אסתר:

דער פירסט האָט ערלויבט
אונזער גאַנצען הויז
צו לעבען אויף דער פּריצים־גאַס.

דן:

שוועסטער, זאָג עס איז קיין שפּאַס?

בנימין:

ניין, ברודער! נישט קיין שפּאַס
און נישט קיין טרוים:
מיר האָבען מער שוין נישט קיין צוים...

דן:

אין אָוועגט־צייט, ווען ערד און הימעל
ווערען טונקעלער אין דרימעל,
ווען דער קאָפּ ווערט מיד צו טראַכטען,
און עס ווילט זיך דאַן געניסען
פון דעם לעבענס פרייד און פּראַכטען...
וועט דער שומר נישט פאַרשליסען
מער פאַר מיר דעם טויער?
אַך, אָווענט צייט, ווען לידער שוועבען,
ווען פאַרליבטע הערצער שטרעבען,
וועט מיין אויער
שפּאַט פון שומר מער נישט הערען?

בנימין:

ניין, ברודער!
קייגער טאָר אונז מער נישט שטערען...
איך וועל קאָנען פריי שטודירען;
יאָ, איך וועל שוין איצט שטודירען...

אסתר:

און איך וועל טאַנצען און שפּאַצירען,
כ'וועל זיך אויסלערנען מוזיק...
יאָ, דאָס לעבען האָט פיל גליק,
יאָ, עס קומען נייע צייטען.
אונזער פאָטער וועט אונז קויפען

פערד צום פאָרען און צום רײַטען
און אַ סאָד מיט אַלטע בוימער,
אונזער סאָד און אונזער שומר.
אָבער, דן, דו שווײַגסט שוין ווידער!
און די ליפּען דײַנע קרימען זיך
פון ווײ...

ד ן:

שײנע טרוימען, שײנע לידער...
אָבער וואָס וועט זײַן מיט זײ?

ב נ י מ י ן און אס ת ר:

מיט וועמען, דן, מיט וועמען?

ד ן:

אַך, פאַרגעסען האָט איר ביידע:
וואָס וועט זײַן מיט אונזער ערד?
מיט די אַלטע שוואַכע ברידער,
וועלכע לעבען דאָ פאַרשפּאַרט?

א ס ת ר:

אימזיסטע זאָרג, אומזיסטע קלעמען,
אונזער פאָטער וועט זײ העלפען,
ער וועט בעטען בײַ דעם פירסט
קיינער זאָל זײ פאַרשעמען.

ב נ י מ י ן:

און זײ וועלען זיך דערוואַרטען
צײַטען בעסערע,
אַזוי ווי מיר האָבען זיך דערוואַרט...

ד ן:

איר זײַט נאָך יונג, איר זײַט פאַרנאַרט!
זײ קומען דאָן צו אונז, די פירסטען,
ווען זײ דאַרפען אונזער געלט
און ווען אַ פרוי פון אונז געפעלט.
מיר זײַנען רײַך דאָס פאָלק איז אָרעם, —
אַ שטומע שול און שטומע קברים...

וואָס מער פאַרמאָגנען זיי די שקלאַפּען?
מיר זײַנען רײַך, מיר וועלן שאַפן
אַ נײַע היים... נאָר פרי צו שפּעטער,
אויף דער פרעמדער פּריצים־גאַס
וואַרט אונז נײַע שאַנד און האַס...
מיר זײַנען רײַך, געשעצט, געליבט
און מיר אַנטלויפן ווי פאַררעטער...
נאָר גלויבט!
כּל־זמן די וואַנט וועט בלײַבן גאַנץ,
טראָגט יעדער יוד דעם דערנער־קראַנץ,
מײַן פאָטער האָט דעם פירסט באַצאָלט
פאַר אונזער גליק. נאָך הערט מיך אויס:
איך וויל קײַן פרײַהייט נישט פאַר גאָלד,
איך וועל פון דאַנען נישט אַרויס...

בנימין:

וואָס הייסט?

דן:

איך בלײַב מיט די,
וואָס לעבן דאָ אָן טרייסט.

אסתר:

דו בלײַבסט מיט זיי?
דו ווילסט מיט אונז זיך שיידען?

דן:

שוועסטער, גלויב! דאָס טאָפּעלט מײַנע ליידען
און דאָך אַזוי איז עס באַשערט.

אסתר:

דו האָסט די שמחה אונז צושטערט.

בנימין:

דו בלײַבסט, מײַן ברודער, איצט אַליין,
דאָ וועט דיך קיינער נישט פאַרשטיין...

דן:

איך ווייס, איך ווייס, דאָ לײַדט מען שטום,
דאָ וואַלגערט זיך אַ פאָלק אין שטויב,
און דאָך איך גלויב אין זיי, איך גלויב...

צװײטער פראגמענט.

**דן:**

װי שטום דאָ איז, װי שטיל אין די חדרים,
װי שמאָל די פענסטער זײַנען.
און איך בעט גאָט די זון זאָל שײַנען
אין יעדעם װינקעל פון מײַן היים.
װי אײַנג דאָ איז; אַזױ פיל ספרים,
אַזױ פיל שראַנק מיט אַלטע ספרים,
און אַלץ איז דאָ פאַרשטױבט און אַלט.
עס טרײַסלען זיך די װענט, די טיר
און דער קאַמאָד צופאַלט.
דאָ שימלט אַלץ. גייט צום פענסטער.
נו, עפען זיך שמאָל־פענסטערל
און ברײנג אַרײַן אַ ביסעל לופט
און טראָג אַװעק מײַן אומרו װײַט.
ס'איז פרילינג איצט... אַך, פרילינג־צײַט
דו ביזט אַ שטראָף פאַר דעם װאָס לײַדט
און לעבט פאַרשקלאַפט.
דײַן צױבער־קראַפט
מאַכט לײדען מער... צו די שטיפערס אויפן גאַס.
איר קינדערלעך, איר שטיפט נאָך װען,
איר האָט אַ שמעטערלינג דערזען
און איר יאָגט אים נאָך.
נו, לױפט געשװינד און פלינק!
װײַל קױם ערגרײכט דער שמעטערלינג צום צױם
דאַן זעגענט זיך מיט אײַער טרױם.

**נתן:** קומט אַרײַן.

גוט מאָרגען, גוטען דן!

**דן:**

גוט מאָרגען, נתן! גיב דײַן האַנט

און זאָג, וואָס ברייננט דיר דאָ אַצינד
פון שטאָט, פון רויש, פון זון און ליכט
אין שאָטען פון דער וואנט?

נתן:

גוטער דן, דו וועסט געוויס מיך שטראָפען.
איך בין פון זיי אַנטלאָפען.

דן:

דו האָסט מײַן טאַטען טרײַ געדינט,
פון מײַן טאַטענס הויז ביזטו אַוועק,
פאַרוואָס, דערצייל אָן שרעק.

נתן:

דאָרט איז מיר פרעמד די לופט, די גאַס,
די שפּראַך, דער שטאָלץ
פון די וואָס הערשען איבער אונז,
דאָרט לויערט אומעדום אויף אונז דער האַס,
די פרעמדשאַפט פּײַניגט דאָרט.
די פרעמדשאַפט איז נאָך ערגער פאַר דער איינ=
שאַפט...
מיך האָט געבראַכט אַהער מײַן בענקשאַפט.
אין גיהנם צו אין גן-ערן
איך וויל מיט יורען זײַן,
יך וויל מיך מער נישט שיידען.

דן:

און מײַן טאַטענס הויז?
צו דען האָט ווער דיר דאָרט פאַרשעמט,
צי פילסטו דאָרטען אויך זיך פרעמד?

נתן:

דײַן טאַטע, דן, איז טאָג און נאַכט פאַרנומען,
און די מאַמע דײַנע קאָן נאָך אַלײן צו זיך נישט
קומען.
זי שפּרײַזט אַרום אין ליכטיגע חדרים
און וויינט.

דן:

זי וויינט? די מאמע וויינט?

נתן:

עס פעלען איר די גוטע פרומע שכנות,
די אלטע שול, די הייליגע קברים
פון יודישען בית-עולם:
ווייזט אויס, אז קברים אייגענע
בינדען שטארקער צו ווי פאלאצען פרעמדע,
ווייזט אויס...

דן:

נישט פרייליך לעבט זיך דארט
אין טאטענס נייע הויז.
און זאג, מיין בעסטער,
וואס טוט מיין ברודער דארט, מיין שוועסטער?

נתן:

דיין ברודער לערנט... און די שוועסטער דיינע
איז ווי פון שטייגעלע ארויס,
זי טאנצט און לאכט,
זי רייט אויף פערד,
און שיפעלט זיך ביז שפעט בייַנאכט.
די שוועסטער דיינע,
זי וויל פאר טויזענט טרויעריגע יאר
געניסען גליק איצטער און לוסט.
זי נעמט עס לייכט
אן פייל און שווערד;
מיט שיינקייט און מיט לייכטזין נעמט זי עס.

דן:

און מיך דערמאנט זי ווען?

נתן:

זי וויל דיך זען,
זי גלויבט, אז דו וועסט קומען.
דו טוסט...

זי זאָגט, דו מוזט׳ראָך זען אַמאָל
דעם טאַטענס פּאַרק
מיט די אַלטע בּוימער און שײנע בּלומען,
שוואַנען,
פאַנטאַנען,
און סטאַטועס פון ווײַסען שטײן...
דאָרט איז באמת שײן.
נור עס פילט זיך דאָרט אויף יעדען טריט,
אַז נישט דײַן פאָטער האָט דעם פּאַרק געפּלאַנצט
און נישט אַ צווייטער יוד..
עס האָבּען פרעמדע אים געפּוצט

**דן:**

איך וועל אַהין נישט גײן,
און דיך, נתן, דאַנק איך פאַר דײַן קומען.
פאַר מײַן טאַטען בּיזטו אַ משרת,
פאַר מיר אַ פרײַנד.
אַלע זאָרגען מײַנע, מײַנע פרייד און צרות
טײלען מיר פון הײַנט.
הער, נתן, הער:
פאַראַן אויף אונזער הויף
אַ פרײַער פּלאַץ פאַרלאָזען און פאַרוויסט.
מען דאַרף דאָרט אַרבּעטען אַ סך ...
איך בּין נאָך יונג
און דו בּיזט אויך נים אַלט און שוואַך:
לאָמיר פלאַנצען אונזער גאַרטען.
די בּלומען און בּוימער וועלען דאָרטען
אײנפאַך זײַן, מיט אידעלע געוויקסען.
און פײגעלעך וועלען קומען נעסטען בּויען;
אפשר וועט זיך ווען אַ ליד בּײַ אונז דערהערען
אַ פרײליך קלאַנג.

**נתן:**

איך לעבּ מיט דײַן פאַרלאַנג.

**יהודית:** קומט אריין.

דן, איך האָב געטראַכט, דו ביזט אַליין.

**נתן:**

איך באַראַרף שוין גיין.

**יהודית:** צו נתנען

וואָס אײַלסטו, נתן, וואוהין?
דו קומסט פון שטאָט,
וואָס מאַכט דאָרט אסתּר מײַן פרײַנדין?
מען זאָגט אויף איר: געוואָרען אַ פּרינצעסין...

**נתן:**

דו געדיינקסט זי נאָך, יהודית!
און זי דיך האָט שוין פאַרגעסען. גייט אָב

**יהודית:** צו דנען

שלעכטע נײַסען ברייגנט דײַן נתן.

**דן:**

דערפאַר ליבט שטאַרקער דיר דײַן חתן.

**יהודית:**

ס'איז פרילינג, דן. אָך, נישט פאַר אונז, פאַר זיי...
פון ווײַטען זע איך בוימער בליהען, ווײַס ווי שניי,
און אַ פויגעל-ליר דערגרייכט פון יענער זײַט:
די וואַנט פאַרצוימט, דאָס גליק איז ווײַט.
און פרעמד איז דאָ מײַן שמחה, פרעמד...
און אפילו, דן, צו דיר,
צום קוואַל פון מײַנע טרוימען
מוז איך קומען ווי אַ גנב...
דאָך יהודית קלאָגט זיך נישט, אַ שאָר איז נור,
וואָס דאָ איז ענג בײַ דיר אין חדר,
איך וואָלט מיט לוסט געטאַנצט בסדר...

**דן:**

אָך, הער, יהודית!
מיר האָבען דאָ באַשלאָסען:

איך און נתן,
אַ גאָרטען אַנ׳איינגענעם צו פלאַנצען,
פאַר דיר, פאַר אונז, פאַר אונזער דור...
מען מוז די טעג פון גרויסע פּײַנען
מיט עפּעס־וואָס באַשיינען.

**יהודית:** פלוצלונג

אַ געפאַר איז נאָהנט,
איך האָב זיך איצט דערמאָנט...

**דן:**

וואָס איז געשען?

**יהודית:**

דער יונגער פירסט...

**דן:**

שוין ווידער!

**יהודית:**

בלומען־טעפ געמאָלטע פון דעם בעסטען ליים,
אַלערליי מתנות שיקט ער מיר אַהיים.
בריוועלאַך מיט העזה, בייזע פון פאַרלאַנג,
שיקט ער מיר דער פרעמדער און פּייניגט מיין גע־
דאַנק...
ווייגט מיין שוואַכע מאַמע, בעט אַלץ הילף ביי גאָט
און דער טאַטע קלויבט זיך צו דעם פירסט אין
שטאָט.
בעטען דאָרט און קניהען, זוכען פאַר מיר שוץ...
אַך, ווי קנאַפּ די טרערען ברייגגען הילף און נוץ.

**דן:**

האָסט אומזיסט פון מיר פאַרבאָרגען
אַזאַ גרויס געפאַר,
אַלע דיינע זאָרגען, בייגקשאַפטען און צער,
אַלע דיינע שרעקען זיינען מיינע אויך.

יהודית! צייטען קומען שווערע,
אָבער שטאַרבען פאַר דיין עהרע
איז מוטיג גרייט דיין דן.

**יהודית:**

וואָס טראַכטסטו טאָן?

**דן:**

פאַרטיידיגען מיין כלה.

**יהודית:**

ווי אַזוי? מיט וואָס?

**דן:**

נישט ווי אַלע, נישט מיט טרערען.

**יהודית:**

מיך שרעקט דיין שטאָלצער בליק.
דן, אין נאָמען פון מיין גליק
איך וועל דיר דאָ באַשווערען...
היט דיין יונגעס לעבען,
אין נאָמען פון מיין גליק.

**דן:**

ווילסטו זען דיין חתן, ווי אַ שקלאַף געבויגען?
מיט אַ שאַנד אין הארצען, מיט פאַרקלעמטע אויגען?

**יהודית:**

ניין, מיין טייער, ניין!
יהודית ליבט דיך פאַר דיין שטאָלץ,
טוט און שטאָלץ, דאָס מאַכט דיר שיין.

**דן:**

דאַן ענטפער איהם דעם יונגען פירסט,
אַז דו ביזט מיינע
און זיינע פיל מתנות
וואַרף זיי אויפ'ן גאַס,
שעלט איהם פאַר זיין ליבע,
שמייכעל פון זיין האַס!

יהודית:

ווי דו רייצסט מיך מיט דײַן שטאָלץ,
ווי דו שרעקסט מיך מיט דײַן שטאָלץ!

דן:

ווער עס ליבט זײַן כּלה,
ווי עס ליבט דיך דן...
יענער שטאַרבט פאַר ליבע..
קוק מיך שטום נישט אָן!
יהודית, טאָרסט נישט צווייפלען,
שטאַרקער זײַ און דרייסט.

יהודית:

זאָל מײַן טרײַע ליבע
טומיגען דײַן גײַסט. (גייט אָפּ)

בנימין: קומט אַריין.

זײַ באַגריסט, מײַן ברודער, אין דער אַלטער הײם,
זײַ באַגריסט!

דן:

אַ באַקאַנטע שטימע,
נור איך ווייס נישט ווער דו ביז

בנימין:

אין דײַן שפּאָסען, ברודער.
פילט זיך ווי דו האַסט.

דן.

אַזעלכע מאָדנע קליידער,
אַזאַ מאָדנער גאַסט... (נעהענטער)
ווען נישט דײַן בליק, די אויגען דײַנע
וואָלט דיר שווער זײַן צו דערקענען,
נור די פונקען ברענען.
דער טרײַער לעבט נאָך אין דײַן בליק, בנימין,
פאַרגיב מײַן שפּאָסען!

**בנימין:**

איך קום פון שטאָט, פון לעבעדיגע גאסען;
אַקאַציעס בליהען דאָרט און מענשען לאַכען פריי.
איך האָב אויך געלאַכט צום ערשטען מאָל,
געלאַכט אין מאַי.
נאָר דאָ באַהערשט דער טרויער מיר אויף ס'נײַ:
דער פאַרמעט־ריח שטיקט, דער שימעל פון די ספרים
פאַלט אויף מיר... אומזיסט ביזטו געבליבען,
מײַן ברודער, אין די איינזאַמע חדרים.

**דן:**

אומזיסט, צי נישט אומזיסט... דערציייל נענויער,
ווי לעבט זיך דיר אויף יענער זײַט פון מויער?

**בנימין:**

איך האָב דיר שוין געזאָגט:
דאָרט בליהען איצט אַקאַציעס,
פאַרברייגגען מיר אין מאַי...

**דן:**

דו און ווער נאָך מיט דיר?

**בנימין:**

חברים, פרײַנד — איך האָב זיי שוין אסך.

**דן:**

און קײַן אײַנציגער פון זיי באַלײַדיגט נישט
דײַן נאָמען?

**בנימין:** שווייגט.

**דן:**

דו שווײַגסט, בנימין?

**בנימין:**

עס טרעפט אַמאָל... איך בין צו שוואַך...
איך האָב פאַר זיי נישט קײַן נעווער.

דן:

און ווי אַליין צווישען זיך?
זײַ שטרײַטען יאָ פאַר זייער כּבוד?
דערציִיל געזוי!

בנימין:

דער גרעסטער ריכטער איז בײַ זײַ דאָס שווערד:
אַ שטאָך־וואָרט אין אַ היציגער מינוט,
אַ לײַכטער שפּאַס, אַ קרומער בליק,
אַ שמײַכעל צו אַ פרעמדער פרוי —
דאָס ענדיגט זיך גאַנץ אָפט מיט בלוט..

דן:

איך וועל דיר עפּעס בעטען, ברודער!

בנימין:

איך בין שוין גרייט צו פאָלגען דײַן פארלאַנג,
כאָטש איך האָב אים פון דײַן מויל נאָך נישט גע-
הערט.

דן:

באַקום פאַר מיר אַ שווערד!

בנימין:

עס איבעראַשט מיר דײַן פאַרלאַנג.

דן:

באַקום פאַר מיר אַ שווערד, בײַ אונז איז עס נישטאָ
אַ שאַרפען שפּיז, איך וועל זיך שפּילען מיט זײַן
גלאַנץ,
איך ווייל זיך לערנען פעכטען ווי דײַנע פרײַנד
די נײַע.

בנימין:

איך האָב דיר צוגעזאָגט צו פאָלגען —
איך פאָלג דיר און איך גײַ...
נור זאָג מיר, דן, איז נתן דאָ געוועזן?

עס האָט די מאַמע מיך געשיקט נאָך אים,
זי זאָגט, איר פעלט זײַן ייִדיש קול, זײַן בליק,
זײַן ערליכקײַט און קלוגער וואָרט.

**דן:**

ער וועט נישט גײן צו אײַך צוריק,
ער פילט זיך פרעמד און עלענד דאָרט.

**בנימין:**

און דאָ וואָס וועט ער טאָן?

**נתן:** *(קומט אַרײַן)*

מיר וועלן אַרבעטען, איך און דן,
און שפּעטער וועלן קומען נאָך,
מיר וועלן לײַכטערן דעם יאָך,
אָט קום, בנימין, וועסטו זען:
דאָ איז אַ פּוסטער פּלאַץ געווען,
דאָ וועט גאַנץ גיך אַ גאָרטען זײַן. *(גייען ביידע אַב.)*

**דן:**

ווער ווייס, וואָס מאָרגען וועט געשען?

# דריטער פראַגמענט.

**נתן:** *(שלעפּט אַ שראַנק מיט ספרים.)*

מען זאָגט: אַ ספר איז אַ שפּיגעל
און פון צופיל שפּיגלען זיך
נעמט שווינדלען אין די אויגען . . . *(פאַרטאַטערט זיך.)*
נישט צו רירען, נישט צו בויגען
אים פון אָרט דעם שראַנק.
אײַנגעשפּאַרט זיך ווי אַ בוים אַן אַלטער,
ווי אַ זײַל פון דורות לאַנג. *(נעמט אַרויס אַ ספר.)*

אַלטער טרויער, אַלטער אמת
ווילסט פון דאַנענד נישט אַרוים. לייענט.

לאה: דנ׳ם מוטער. קומט אַריין.

מײַן פאַרלאָזענע, געבענשטע,
מײַן צושטערטע הויז.

נתן:

ווי קומט דאָ לאה, איצט אַהער?

לאה:

געבראַכט אַ זיפץ, געבראַכט אַ טרער...
אויף קבר־אָבות דאָ געקומען...
דו אַרבעטסט, נתן, אַרבעטסט שווער
און פון אונז ביזטו אַנטלאָפען.
איך וועל דערפאַר נישט שטראָפען.
איך ווייס דײַן טרײַהײַט, איך געדיינק...
כאָטש דאָרט איז פרײַ און דאָ איז איינג,
כאָטש דאָרט איז ליבטיגער דאָס לעבען,
און דאָך עס ציט אַהער...
אַ נחמה אויף אַלץ אַ קוק צוגעבען,
אַ טרײַסט פאַר מיר.
וואו נעמסטו צו די ספרים, נתן?
צי פילסטו נישט, צי ווייסטו נישט,
ווי יעדער זאַך איז מיר דאָ טײַער?

נתן:

מיר מאַכען דאָ אַביסעל פרײַער.

דן: קומט אַריין.

מען זעט שוין קלאָר די ערשטע ברעטלעך, נתן,
דער ערשטער רעגען האָט זיי הײַנט באַנאָסען,
און איצטער טריקנט די זון אויף זיי
די רעגען־טראָפּענס... באמערקט דער מאַמען.
מאַמע, פרייד! איך האָב דיך נישט באמערקט,
גוטע, פרומע מאַמע...

**נתן:** צו דנען.

פאַרברייננ דאָ מיט דער מאַמען
און איך וועל גיין אין גאָרטען זיך פאַרזאַמען.

גייט אַב.

**דן:** צו דער מאַמע.

ווי פיל פרייד דו ברייננסט מיר און ווי פיל צער,
ווי טרויעריג דו קוקסט און ווי דאַר
דײַן פּנים איז געוואָרען...

**לאה:**

פון בייִנקעניש, מײַן קינד, פון בייִנקעניש,
איך האָב מײַן רוהיגקײַט פאַרלאָרען.
עס ציט אַהער און בלײַבען מוז איך דאָרט.
דאָ איז מײַן היים און דאָרטען מײַנע קינדער.
וואָס האָב איך פון די ליבטיגע חדרים?
איך בלאָנזשע דאָרטען ווי אַ בלינדע...
מיט מאָרנע בילדער און פיגורען
איז אויסגעפוצט מײַן שטיב,
ווי בײַ די געטשען־דינער אַ גיהנם, אַ קבר גרוב,
איז מיר מײַן נײַע היים.
פרעמדע געסט און פרעמדע שפּראַכען;
מען הוליעט און מען פרייט זיך אין מײַן שטוב,
נור מיר ווילט זיך שטענדיג וויינען,
ווען איך הער זיי לאַכען...

**דן:**

מיט וואָס זאָל איך טרייסטען דער מאַמען?
ווינען צוזאַמען?

**לאה:**

נישט זאָרג, מײַן קינד... איך בין צופרידען,
וואָס דו פאַרבלײַבסט באַטש צווישען יודען,
באַטש ב'פאַרשטוי נישט דײַן ציל,
נור איך פיל מיט מײַן מאַמע־הארץ, איך פיל,

אַז דו ליבסט דײַן פֿאָלק
און אונז אַלעמען... אויפֿן גאַס טומלט שטאַרק.

**דן:**

וואָס רוישט אַזוי די גאַס?

**לאה:**

איך גײ מײַן קינד,

**דן:**

וואוהין?

**לאה:**

נדבות טײלען,
אויפֿן בית־עולם גײ איך מײַן צער דערצײלען.
גייט אָב.

**נתן:** קומט אַרײַן

דן, זײַ גרײט!
די גאַנצע עדה גײט צו דיר
זײ שטײען בײַ דײַן טיר.

**דן:**

איך הער אַ טומעל, וואָס איז געשען?

**נתן:**

זײ האָבן געהערט פֿון דײַן שווערד
און זײ ציטערן.

**דן:**

די אַלטע שרעק האָט אויפֿגעוואַכט.

**נתן:**

זײ קומען מיט ווײַב און קינד,
וואָס וועסטו זײ זאָגן אַצינד?

**דן:**

איך האָב געוואָלט שטרײַטן מיט אַ פֿרעמדן,
איצט מוז איך מיט אײגענע שטרײַטן.
וואָס זאָל איך טון? גײן צוריק?

אך, יהודית וועט נישט מוחל זײַן. (עס עפענט זיך די טיר; פיל מענשען אריין)

**ערשטער יוד:**
דן, דו ביזט בײַ אונז געבליבען
האָסט צוגעזאָגט צו ליבען.

**צווייטער ייד:**
איצט ווילסטו אונזער רו צושטערען;

**ערשטער יוד:**
עס פעלט אונז דען טײַער און טרערען?

**א פרויען־קול:**
עס פעלען יתומים, אלמנות און צער?

**דן:**
מײַן כלה, מײַן שטאָלץ, אונזער עהרע,
מײַן האָפענונג שטייט אין געפאַר.

**ערשטער יוד:**
מיר ווייסען, מיר האָבען געהערט,
נור וואָס וועט דיר העלפען דײַן שווערד?
דו וועסט בלויז צורייצען די חיה...

**צווייטער יוד:**
מיר טאָרען נישט שטרײַטען
נישטאָ יענע צײַטען
פון אָפענעם שטאָלץ
באַהאַלטענערהייד טראָגט יעדער זײַן שטאָלץ.

**ערשטער יוד:**
מיט געבויגענע רוקענס...
מיר לײַדען ווי שקלאַפען וואָס מוזען זיך בויגען

**דן:**
מײַן כלה...

**א פרויען־קול:**
אמאָל איז נויטיג א קרבן.

**דן:**
שווײַג פאַרפלוכטע!

צו שטאַרק איז מײַן דור שוין פאַרדאָרבען?
נור כ'פיל נישט קײַן שרעק.
איך וועל די גלות-טעג באַפאַרבען.
אויב נישט מיט מײַן לעבען,
איז דאַן מיט מײַן שטאַרבען...

ערשטער יוד:

ביזט זינלאָז. מיר זײַנען אין סכנה.

דן:

נישט צום ערשטען, נישט צום לעצטען מאָל
מיר צאָלען מעשר אָב מיט בלוט.
מיר צאָלען אַלע מאָל.

צווייטער יוד:

דו זעסט, מיר זײַנען אַלע געקומען:
אַלטע לײַט און יונגע קינדער
און מאַמעס מיט פאַרוויינטע אויגען...

דן:

איך זע, אַלע זײַנען גרייט זיך צו בויגען
און איך וועל בעסער שטאַרבען...

ערשטער יוד:

אַנ'אומגליק קומט אויף אונז, אַ גרויסער צער.

צווייטער יוד:

גייט אָב

דן, באַטראַכט זיך גוט,
גאָט וועט משפטן דערפאַר. אַלע גייהען אָב.

דן:

גאָט וויל אויך שטאָלצע זען.

די גאַס טומעלט, דורכן פענסטער פליט אַריין אַ שטיין

אַ קולי.

זײַ פאַרשאָלטען.

ידן:

איר זײַט טויזענט, איך בין איינער.
וויפיל העגט אַזוי פיל שטיינער.

יהודית: קומט אַריין.

זיי שטייהען דאָ און שילטען דיך
דן, זיי וויינען פון שרעק.

דן:

אַ דור נאָך אַ דור גייט אַזוי שוין אַוועק.

יהודית:

מיך חלומט זיך היינט, אַז דו שטייסט בײַ אַ תהום,
איך שטיי דאָרט פון יענעם זײַט ברעג.
נאָך אַ שפּאַן, נאָך אַ טריט
און מײַן גליק פאַלט צום דעק,
פאַלט אין פינסטערן אָבגרונד אַרײַן...
און ווי קורץ איז מײַן האַנט,
און ווי שוואַך איז מײַן קול,
און ווי רוהיג דו קוקסט אין דעם אָבגרונד אַרײַן.

דן:

יהודית!

יהודית:

נישט איך רוף דיך צוריק,
דן, מײַן חתן, מיין גליק.
אַך, מיר חלומט זיך הײַנט, אַז דו שטייסט בײַ אַ תהום,
און איך שטיי דאָרט מיט בלומען בײַם ברעג,
און איך וואַרף זיי,
איך וואַרף צו דער דעק...
עס זאָל דיר, מײַן טרײַער, זײַן ווייכער צו פאַלען.
מיר חלומט זיך, דן!

דן:

נישט טרויער־ציפּיל, נאָך נישט אַלץ איז פאַרפאַלן,
איך וועל מיט אים ריידען,
אים בעטען און טרערן,
איך וועל אים גאַנץ רוהיג ערקלערען.

יהודית:

ער וועט בעטער נישט ווערן.
נו, חתן, מיר דאַרפען זיך זעגנען.
איך האָב געשריבען צו אים, געטאָן אַלץ,
ווי דו האָסט פאַרלאַנגט.

און באַלד וועט ער קומען, דאָך שטאָט מיר
וועט ער דיך דאָ באַגעגנען,
נו, חתן מיר דאַרפען זיך זעגנען. קושט דנען.

דן:

יהודית־טרייסט, וואָס עס זאָל נישט געשען,
בלייב רוהיג. און שטאַרק ביז'ן סוף.

יהודית:

גאָט זאָל דיך היטען
פון אונגליק און שטראָף. גייט אָב.

דער יונגער פירסט: קומט אריין.
זי שרייבט מיר געניי, וואו זי וואַרט.

דן:

איר זוכט דאָ מיין כלה, יהודית זוכט איר,
איך דן, בין איר חתן.

דער פירסט:

וואָס זאָל דאָס באַדייטען?
מען האָט מיך פאַרנאַרט?

דן:

מיר האָבען פון נויט זיך באַשלאָסען.

דער פירסט: כאַפט זיך פאַרן שווערד.

דן:

פירסט, דאָס שווערד וועט זיינס באַווייזען,
הערט אוים מיין וואָרט.

דער פירסט:

יוד, געדיינק דיין אָרט!

דן:

דאָס מיידעל וואָס איר זוכט
איז אַ טאָכטער פון יענע,
וואָס זיינען פאַרפלוכט און פאַרהאַסט ביי אייך אַלע,
דאָס מיידעל וואָס איר זוכט איז מיין כלה.
אַ בלום פון אונזער פאַרדאָרנטען גאַרטען,
אַ שטראַל אויף אונזער פינסטערען וועג,
אַ פריילינ־קלאַנג אין אונזער איכה־ליד...

פירסט!
מיר לעבען אין ליידען פאַרצוימט דורך דער וואַנט,
נישט ברייגנגט אונז קיין טרויער מער,
נישט ברייגנגט מער קיין שאַנד.

**דער פירסט:**

איך פאַרשטיי נאָך נישט אַלץ,
וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר? סיידען...

**דן:**

באַליידיגט נישט די, וועלכע ליידען.

**דער פירסט:**

זײַ נישט ברוגז, מיין יוד, זײַ נישט בייז!
אָט האָסט דיין לוין אין לאָז לייז
פון דיין קלאָג=ליד, גענוג. *וואַרפט אים געלד*

**דן:**

נעם צו דיין פאַרשאָלטענעם גאָלד.
איר פייניגט אונז ווילד און איר צאָלט...
האָסט באַליידיגט מיין שטאָלץ,
זײַ גרייט צו באַצאָלען פאַר אַלץ. *באַקומט זיין שווערד*

**דער פירסט:**

אַ יוד מיט אַ שווערד!
נישט געזען, נישט געהערט
האָב איך אַזוינס.

**דן:**

דאָן פיל עס, *שלאָגען זיך ביידע*

**דער פירסט:**

דו האָסט זיך פיל געלערענט,
געאַרבעט מיט'ן שווערד.

**דן:**

דאָך ביזטו דרייסטער, פלינקער —
איך האָב שוין וואונדען פיל.

**דער פירסט:**

דו ביזט אַ יוד אַ שטאָלצער!
נו, זאָג איין וואָרט... ביזט ווערט
איך זאָל דיר מוחל זיין.

**דן:**

זאָל גאָט מיר מוחל זיין...

איך שלאָג זיך ביז'ן סוף.

דער פירסט:

דאַן איז שוין נאָהנט דײַן שטראָף.

דן:

איך פיל, מײַן האַנט ווערט שלאַף
אַ טויזענד־יאָריגער שקלאַף.
נישט צוגעוויינט צו דעם שווערד...
מײַן ברוסט... מײַן... פאַלט

דער פירסט:

איך דריק דיר, יוד, דײַן האַנט.
דו ביזט עס ווערט...

דן:

לאָז יהודיתן צורו!

דער פירסט:

אין נאָמען פין מײַן שווערד! איך זאָג דיר צו,
יו האָסט עס שטאָלץ פאַרדינט. גייט אַב

לאה: לויפט אַריין

מײַן קינד, מײַן קינד!
ווי קומט דאָ בלוט? ווי קומט אַ שווערד בײַ מיר
אין הויז?

יהודית: לויפט אַריין

דן: מײַן חתן!
ער שטאַרבט; ער גייט שוין אויס.

דן:

מאמע, זײַ מוחל! יהודית!
וואַרף בלומען אין אָבגרונד אין שוואַרצען —
בעסער טויט, איידער טראָגען די חרפה אין
האַרצען. שטאַרבט.

ע נ ד ע.